
משה נאדיר
ריווינגטאָן סטריט

Digitized by the Internet Archive
in 2009 with funding from
National Yiddish Book Center

http://www.archive.org/details/rivingtonst00nadi

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11479

# RIVINGTON STRIT

## Moishe Nadir

*Permanent preservation of this book was made possible
by The Rauch Family, Angela, Charles, Karen, Matthew, Samantha & Max
In memory of Hyman, Ethel, Melvin & Mark Rauch*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*

*Arie & Ida Crown Memorial*

*The Seymour Grubman Family*

*David and Barbara B. Hirschorn Foundation*

*Max Palevsky*

*Robert Price*

*Righteous Persons Foundation*

*Lief D. Rosenblatt*

*Sarah and Ben Torchinsky*

*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

---

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

מוישע נאדיר

# ריווינגטאָן סטריט

אידביוראָ פאַרלאַג
50 איסט 13טע גאַס
פרייז 15 סענט

Copyright by Isaac M. Nadir

אלע ניט־אונטערגעשריבענע צייכענונגען זיינען פון יאָסל קאָטלער




ר י ו ו י נ ג ט אָ ן

מיין ריווינגטאָן
פון בוי—ע—רי
ביז מענ־דזשין,
כיקום מיט פויסט אַ קלינג טאָן
אין דיינע גהעטאָ־טויערן.

דיין געהויקערט לעבן
וויל איך דאָ פאַרשעלטן ;
כיקום מיט שווערט
צעגלאַנצן
דעם אָפּשיין
פון די וועלטן !

ניו־יאָרק, 1932

# ריווינגטאָן סטריט

. . . איז געגאַנגען אַ פּראָלעטישער אידישער שרייבער
אַף קייוועראָוועס צו זיינע יונגע יאָר
אַף דער נידעריקער איסט־סייד פון ניו יאָרק
האָט ער באַגעגנט אַן אַלטן געלגרויען אידן
וואָס איז געשטאַנען אין טיר־ביישטינדל
פון אַ קעלערלאָך אין ריווינגטאָן סטריט
מיט אַ פּעדלערקוישל אַפן אָרעם
איבערגעדעקט מיט פרימאָרגן־טומאַן
(אליין אַ טומאַן־מענטש אין די טומאַן־שאָען
פון ערעוו סאָף):

„גאָט" — האָט ער אריינגעזאָגט אין דעמפּיקן קעלערל אריין
מיט אַ האַלב געעפנטער טיר
און אַ צי געטאָן אַ קיישל־שלייקע — „גאָט איז אומגליקלעך,
צו וואָס ער נעמט זיך די לעצטע צייט גייט אים נישט.
גאָט איז אומגליקלעך
און מיר זעמיר אומגליקלעך,
און די וועלט שאָקלט זיך.
גאָט האָט פּארלוירן דעם בודן אונטער זיך
און בענק קראַכן".

דער געלגרויער איד
מיט אַ באָרד ווי אַ פלאַקסענע הענטשקע
האָט אַ צי געטאָן דעם אַקסלבאַנד
פונם קיישעלע וואָס ער האָט געטראָגן
פונפאָרנט ווי האַצמאַך,
איז ארויפגעטראָטן
אַף די טרעפּלאַך פון קעלער־שענקל אין דער גאַס אריין
וואו מ'טרענט פון קאַנאַלן די אָדערן,
מ'טרייבערט די קישקעס פון דער ערד
מיט דאַמף־שופלען,
מ'לאַפּיסירט די אַלטע שטינקוואונדן מיט
אַצעטעלין־פייערס,
און מ'ראַמט אָפּ די לעצטע רעשטלעך
פון די „גוטע אַלטע צייטן".

דעם קראַנקן גוידער
דעם קראָפּ,
די שווינדזיכטיקע פּארפּלאָמטע באַקן . . .

דער איד איז געוועזן פּארפּרײלעכט
מיט עפּעס אַ פוילזיסן שבייסענאַכטס.
זיין קיישל מיט ניס, פייגן, באָקסער,
מאַראַנצלעך און ביינדלעך אין אַ לעדער־
טעפּעלע,
זיינען געוועזן פּאַרדעקט
און האָבן ארויסגעשמעקט מיט ערעציסראַעל
און מיט עלען סטריט.

ער איז געשטאַנען אין ארבעסיויך־נעפּל
פון אַ ריווינגטאָן סטריטער סאָף־נאַכט,
דורכגעשטאָכן מיט ליכט פון עלעקטרישע
פינקלשילדן
און ער האָט גערעדט
אַ האַלב־שיקערער
אין טומאַן אריין צום דאַמף־שופּל
וואָס האָט געדרענעט אין דער לופטן
און געפּאָכעט און געסאָפּעט מיט דער מאַסע
ערד און שטיינער,
און צעבראָקטע גרידעס אַספּאַלט ווי
קוילנקאַנדלצוקער
און ער האָט אַ קוש געטאָן מיט צוויי פינגער
די געלגרויע וואָנצעס פון זיין הענעטשקע־באָרד:
„מויא שאַנאָוואַניא!
אָט דאָס הייסט געאַרבעט ברידערל!
אָט דאָס הייסט ארייגעקראָכן
דער קעלעווישעבעקלאָוועינדיקער וועלט אין
די קישקעס אריין!
אָט דאָס הייסט גענומען ריווינגטאָן סטריט
אַף זיכער.
מויא שאַנאָוואַניא!"
דער איד האָט קאָמעדיאַנטיש אָפּגעהויבן
ס'האַרטע געפּלאַצטע קאַפּעליטשל אין דער
לופטן,
שיר איבערגעפּאָרן געוואָרן פון אַ טראַק
וועמעס שאָפער

האָט זיך געזידלט „גאָדעמשיני, קענטשעסי
ווערװיגאָהן..."
דער קיישל־פּעדלער
האָט דערלאַנגט פון זיך אַליין אַ שפּרינג־אָפּ
און ווידער געשטאַנען
מיט זיין קלאַטשענעם בערדל אין טומאַן אריין
און מיט זיין לעבעריק מויל פול
מיט געגילטע פּאַרשימלטע ציין
(עס איז געווען
ווי אַ קייווער וואָלט זיך צעשמייכלט
מי טגילדענע, אַלטע צעפאַלענע מעציוועס)
און געזאָגט דעם אידיש־פּראָלעטישן שרייבער,
וואָס האָט זיך געפרעגט
צי דאָס איז ריווינגטאָן סטריט:

„אוואדע ריווינגטאָן סטריט,
וואָרען נ י ש ט ריווינגטאָן סטריט;
איך געדענק נאָך
די סטריט, מעגט איר מיר גלויבן,
ווען זי איז נאָך געגאַנגען מיטן שווענטסל
אין דרויסן.
איך געדענק נאָך ריווינגטאָן סטריט,
ווען יאָהאָן פּאָליי און שמ"ר
און זייפערט
און געצל זעליקאָוויץ
און
בן־פּורת
האָבן געשריבן ראָמאַנען
און לעאָן מאָאיסייעוו האָט געשריבן סקיצן,
און הערמאַן בערנשטיין
האָט גערעדט צו אייך פּערזענלעך ווי דורכן
טעלעפאָן:
העלאָ—־יעס, יעס־סיר,
נאָ־סיר... שור סיר.
ווי'ל סי, סיר...
און אַז איר האָט אים לעמאָשל געבעטן,
ער זאָל זען אויסדרייען סיטיהאָל מיטן
פּאָנים אהין,
האָט ער נישט געזאָגט
אַז ער קאָן נישט
נאָר ער האָט געשמייכלט מיט די פּאַרפּלאַמטע
בעקעלעך
און מיט די אַלומינום אייגעלעך און געזאָגט:
העלאָ־סיר, יעס־סיר,
סי מי נעקסט מאָנדעי, סיר...

און קאָנראַד בערקאָוויסי
האָט נאָך געמאַזשעט אין מאָרגן־זשורנאַל,
און געווען אַ פּראָסט אידל
און נאָך ניט געוואוסט אַז ער איז געבוירן
געוואָרן אַ
ריינער ציגיינער...
און זיין באַציאונג צו מענטשן איז געווען
אַזוי צו זאָגן, אַ געאָגראַפישע.
אַז ער האָט אייך געטראָפן
אויף העסטער סטריט, האָט עס געהייסן:
„— אָה, העלאָ, האוואיע, האָרעיודו...
האָדעיופיל, האוזביזנעס..."
האָט ער אייך באַגעגנט אויף דער פּערצנטער סטריט
האָט עס שוין געהייסן אביסל קירצער:
אָה, העלאָ... האוואיע.. זביזנעס..
אויף בראָדוויי און 34־טער
האָט עס שוין געהייסן זייער קערץ
מיט אַ האַנט־וואָרף אין דער לופטן:
— העלאָ דהער...
אויף בראָדוויי און 42־טער
האָט ער שוין אינגאַנצן ניט דערקענט...

און ווי מ'האָט געעפנט
די נייע טאַשליך־בריק אויף דעלענסי סטריט
און ווי אַזוי אַ איד איז געגאַנגען
מיט זיין אידענע צום ערשטן מאָל שפּאַצירן
און ער האָט נישט געלאָזט זיין אידענע
ארופגיין ביז וואַנעט ער האָט אַליין נישט
אָפּרוף־־געטון מיטןפוס,
צי ס'עט זיך האַלטן.

און סימכאַסטוירע פּלעגן אידן גיין
איבער די גאַסן מיט סייפערטוירעס
און מיט פּאַרקאַטשעטע פּייעס
און זינגען „שושנת־יעקב"
און כאַפּן היווניקעס אין קאָפּ אריין
פון איירישע לויפערס.

איך געדענק נאָך די איסט סייד
ווען ס'לעבן דאָ איז געווען
אַזוי סקוטשנע
און מיין מומע מעכלע
פּלעגט ארויסקוקן דורכן פענצטער
אויף גרענד סטריט,
און אַז זי האָט באַמערקט
אַ אידישע לעוואיע



פלעגט זי
אַ כאַפּ טאָן אף זיך
דאָס שווארצע קאָפּטיכל
און אראָפּלויפן וויינען...

און אָפּטמאָל
אַז דאָס וועטער איז געווען גינציק
פלעגט זי מיטפאָרן
און זיך שלאָגן אין קאָפּ אריין
און כליפּען און קושן די פרעמדע יעסוימימלעך,
און גיין עסן פרישע פּידסמעטאָניע
און גרינע קנעבעלעך
באַם אידישן „סעמעטערי־פאַרמער".

און אַז מ'איז געשטאַנען אפן סטופּ
האָט מען פון א י י ן פענצטער
געהערט זינגען:
„עווערי באדי איז דואינג איט,
דואינג וואַט?
טוירקי טראָט"...
און פונם אַנדערן:
„דאָרט אין הימל זע איך שיינענדיק
אַ קליין שטערנדל לעכטיק גאָר אָן אַ שיר"...
און פונם דריטן: „דהי בוטשער דהי בייקער,
דהי קענדל־סטיק מייקער
דעי אָלל וואָר אין לאָוו וויטה מערי".
און פונם פערטן: „האָב איך דיר געזאָגט
און געזאָגט און געזאָגט
אַז פּורים טאָר מען ניט"...
און פונם פינפטן: „אָה מארי, אָה מארי...
און פון אַן אמבּרעלע סטאָר: „איציקל מעלאַמעד
האָט א כאסענע געמאכט פון זונטיק אינדערפרי
ביז פרייטיק אפדערנאכט

און פון נאָך א פענצטער:
„בארני גוגל, וויטה גוגלי גוגלי־אייס.
און פונם איטאַליעניש סוספענדער שאַפּ:
„לאַ דאָנא מאָבילא".
און פון א דייטשער וויין סטאָר:
„אין באדענבאך האָב איך
מיין שטרומף פארלאָרן".
און פון א סטייבל:
„פּאָי, לאסטאָטשקא, פּאָי"...

איר זאָגט אידישע לידלאך.
איך געדענק נאָך ווען מען האָט געזונגען
אין „אטלאנטיק גארדן" אף דער בויערי:
„מאלע וואָס מען רעדט אפן סטופּ,
מ'רעדט אף מיר,
מ'רעדט אף דיר,
מאלע וואָס מען רעדט אפן סטופּ".
אָדער אזא לידל „אין קרימינאַל בין איך
געזעסן
אַ צייט פון זיביצן יאָר,

טרוקן ברויט האָב איך נעגעסן
און געליטן דאָרשט זאָגאר",
אָדער אזא לידל: „דער באָרדער קוועטשט
דער מיסעס
א לעמאָן אין גלאָז אריין".
אָדער „אין די שייד אף ען אָלד אפל־טרי
עי גלימער אין יאָר איי, איי קאן סי".
אָדער אזא ליד: „טייק ע טריפּ אָפּ די
האָדסאָן ענד דאון די בעי
ע טראָלי טו קוני ענד ראק־ע־וועי".
אָדער דאָס נעגער־ליד: „וועי דאון אָפּ אן
די סוואַני ריבער
פאהר, פאהר עוועי,
דער איז והער מיי הארט איז טוירנינג עבער,
דער איז והער די אָלד פאָוקס סטעי".

צי איך ווייס וואו ריווינגטאָן סטריט איז!
איך געדענק נאָך ריווינגטאָן סטריט
ווען אדאָלף מאנדעל האָט דאָ געהאט א באנק
און ער האָט זיך נעבאך באמאכט,
גלייך מיט אייער באנק אָוו יונייטעד סטייטס.
איך געדענק נאָך ריווינגטאָן סטריט
ווען יאָמולאָווסקי
און מאקס קאָברע
האָבן געהאט אידישע בענק אף איסט בראָדוויי
און האָבן זיך אויך נישט פאר אייך
געדראכט באָדאָסט.

איך געדענק נאָך ריווינגטאָן סטריט
ווען גאָווערניר־סטריט־פארק האָט געהייסן
„רום־בעדרום־פארק",
און אין ווינדזאָר טעאטער
האָט מען געשפילט „בען האדאָר""
און מיידלעך האָבן געטראָגן קעפּקעס
און בלויע קאנגארענע „בלומערס"
און געפאָרן אף בייסיקלעך,
אָדער אף א „טענדעם" מיטן כאָסן.
דעמאָלט האָטן טאקע געזונגען:
„ע בייסיקל בילט פאָר טו"
און שאבעס פלעגטן דינגען
אן אָסעבאָגע
און פאָרן שפאצירן
העט־העט־העט ווייט, אין וועסט פארמס.

איך געדענק נאָך די צייט
ווען „יוניאָן אָפּיסערס" האָבן געטראָגן לענטעס
און געריטן אף פערד
און דער דעלעגאט פון די בעקערס
האָט געפירט אף א וועגעלע
א קוילעדזש ווי א קעלבל.
איך געדענק נאָך,
די ערשטע „שעראָו־פיקטשע"
אף קאָלאָמביא סטריט
וואו די מואווי פלעגט זיך רוקן
ארוף און אראָפּ
און די „העלדן" פלעגן אלן ווילע אראָפּפאלן
פונם לייוונט
און שפּילן קימאט אף דר'ערד...

איך געדענק נאָך ריווינגטאָן סטריט
פון דער צייט ווען מ'האָט געטאנצט
דעם העסיטיישאָן
און דעם מעקסיקס
און דעם קעיק־וואָק,
און פאדעספאָן
און דעם פאקס־טראָט,
און דעם טוירקי־טראָט
און דעם מערי־ווידאָ־וואלץ

און פון קעסל־גארדן אף בעטערי פארק
פלעגן זיך שיטן אימיגראנטן
מיט הילצערנע רענצלעך,
מיט קוטשמעס
און מיט ראזעווע געלעכטערס...
און ווי די געלע „אבהאָלערס" האָבן טאקע
באלד
אין בעטערי פארק
געקויפט א באנאנע
מיט א טאָמייטע
און געוויזן די גרינע ווי אזוי
מי עסט דאָס
און האָבן זיי טאקע באלד
גערופן „גרינהאָרנס".

איך געדענק נאָך ריווינגטאָן סטריט
פון דער צייט ווען מי האָט געזונגען,
„א באָי, אוי א באָי,
אוי גוואלד א באָי,
איך וויל דאָך אזוי,
אָ מאמעניו האָב ראכמאָנעס
און גיב מיר א באָי".
און אין אגידס וואָדעוויל האָט מען געזונגען:



„זי איז מער צום באַדויערן ווי שולדיק
ווער האָט דען איר ערע גערויעבט!
אָה, מענער מיט וואָס איז זי דען שיהלדיק
וואָס זי האָט געליעבט און געגלויעבט.
ציהט ציריק אייער שפּאָוועוואט און
פאראכטונג.
ווייל איר האָט נאָך געדולד;
באטראכט דאָס מיט ריינער באטראכטונג,
אַז אַ מאַן, נאָר אַ מאַן איז די שולד“.

איך געדענק נאָך
די אלטע פּאָליטישע אישום
פון „5 סענט קארפּער“.
„16 צו איינס“
„פול דינער פּייל“
ביז „הי קעפּט אָס אוט אָוו וואָר“.
איך געדענק נאָך ווי מיין פריינד לייזער
פלעגט גייען אף פּרעמדע באסענעס
אין „קאָלאָמביא האָל“,
אָפּצאָלן 15 סענט העט־טשעק,
אָפּעסן אַ גוטע וועטשערע
זיך ארומקושן מיט דער קאלע
זיך אָנזשליאָגן מיט וויין און מיט קאָניאַק,
זיך העצקן ביז די קנאַפּל
זענען לויז געוואָרן
און אוועק אַ היים
מיט שטיקער לעקאך אין קעשענע...

איך געדענק
דעם ביילים פּראָצעס,
ס׳טרייענגל־פייער,
די דרייפוס־בעהאָלע
די „טיטאניק“,
די ערד־ציטערנישן אין מעסינא
און אין סאן־פראנציסקאָ.

איך געדענק נאָך ריווינגטאָן סטריט,
הערט איר מעך,
ווען אידן האָבן גערויכערט שקינאזי,
סוואָבאָדא, טאָלסטאָי, בייסיקל,
פיפּט עווענינ מיט מונדשטיקס
סוויט קאפּרעל...
איך געדענק נאָך די צייט
ווען פרויען האָבן געטראָגן וואואלן
און פרינסעס־קליידער

און רעטס און פּאָפּס
און היט מיט איינגרעטס און שטרויס־פּעדערן
אַף האָר־קינגעלעך.
און געפּוישטע אַרבל
ווי אַ קעלבערנער פּוס מיטן קאָפּ אַראָפּ.

אין דענסינג האָל
זיצן די קאַוואַליערן אַף איין זייט
און די לײדיס אַף דער אַנדערער,
און אַז מ׳וויל איינלאַדן צין אַ טאַנץ
מאַכט מען אַ רעווערענץ און מ׳זאָגט איידל :
„לײדי
מעי איי העוו די פּלעזשור
פּליעז.“

איך געדענק נאָך
דעם גרויסן קלאָוקמייקער סטרייק פון 1910,
ווען איך האָב געפּיקעט
מייער דזשאַנסאָנס שאָפּ
און ווי מ׳האָט אונדזער פּיקעט־קאָמיטע
געוואָלט אַראָפּפּירן פונם וועג,
און מ׳האָט אַרויסגעשלעפּט אַ גרויסן קאַסטן
מיט וואַרע
נאָר ס׳איז מיר עפּעס נישט געפעלן,
וואָס בלויז צ ו ו י י לייטע
טראָגן אַזאַ גרויסן קאַסטן...
און מיטן צווייטן
און מיטן דריטן קאַסטן
אויך דאָס אייגענע.
ערשט אַז מ׳האָט אַראָפּגעבראַכט דעם
פערטן קאַסטן
און פ י ר מענטשן האָבן אים געדזשוויגעט,
האָב איך אַ געשריי געטין :
„כעוורע, דאָס איז דאָס.
אָט ד ע ם קאַסטן דאַרפן נאָכגיין“...

צי איך וויים וואו ריווינגטאָן סטריט איז ? ! —
איך געדענק נאָך ריווינגטאָן סטריט
פון דער צייט ווען מאָרים ראָזענפעלד
האָט געשריבן אין אַ ליד
צו אַן אַנדערן אידישן שרייבער :
וואו ביזטו אַ שרייבער.
וואָס האָסטו פאַרפּאַסט ?
ווי קומסטו צו פירן אַ פּעדער.
און ווילט זיך דיר שמירן
טו שמיר ווי דיר פּאַסט — —
מיט סמאָלע אַף טרוקענע רעדער“.
און ליאָקים צונזער האָט געזונגען :
„ווי לאַנג וועסטו אידל אַרומגיין און פּעדלען
און פּאַלן צו לאַסט בא די שכיינים אין
לאַנד




און גאָלדפאַדן האָט זיך באַקלאָגט :
„אונד היינט די מאַמע — — עס איז
דען די מאַמע
וואָס האָט גע׳שמ׳ט די ראָסע איד.
געוועזן אַ לעבעדיקע וועלט־רעקלאַמע
אונד איין געטרייעס פאַמיליענגליד.“
און רעוורענד מאַסליאַנסקי
פּלעגט זיך רייסן די האָר פון קאָפּ,
טופּען מיט די פים
און האַלטן דעם דערשראָקענעם גאַסט
בא דער האַנט
און שרייען אַף אים מיט ווילדע קאָלעס :
— — ברוכים אבאים, טייערער פּראַהנט.

און נאָכאַמאָל אַ טופּע מיטן פוס
אַז דער ענגלייכטער פּלעגט שיר אַראָפּפאַלן
און אַ געשריי טאָן אַ טאָן נאָך העכער :
גוואַלט ! ! ברוכים האבאָאים, טייערער
פ ר י י ־ ע נ ד !

און יהואש
איז ערשט געהאַט געקומען פון דענווער
און ער האָט אויסגעזען ווי אַ קראַנקער
אידישער קאָו־בּאָי
וואָס איז געוואָרן אַ פּאָעט
און ער האָט געשריבן נאַטור־לידער:
„פון אַ גרינעם וואָלקן־שימער
קריכט אַרויס אַ פּרויענצימער".

און ליעסין האָט באַאָבאַכטעט די לעוואָנע
און ער האָט געשריבן:
„די לעוואָנע זי שיפט זיך,
זי בויגט זיך און וויגט זיך
אין בלייכן, אין בלאָען
אין לופטיקן יאַם".
(היינט זעט מען עפּעס ניט אַז די לעוואָנע
זאָל זיך בויגן און וויגן
אין בלייכן, אין בלאָען,
אין לופטיקן יאַם.)
איך געדענק נאָך די צייט פון קאַט־גלעס,
לאַנגע שפּיגלען,
בעי־רום,
פּאַטהער־שטולן, אַ מענטל־פּיס מיט אַ
געלער טיידע
און בילדער־אַלבומען וואָס האָבן אַ שפּילקעסטל
מאַרים־טשערס,
און פאָטאָגראַפיעס אויף דראָטן וואָס באַצירן
די ווענט...

און שניידערס גייען זוכן אַ דזשאָב
מיט די קעפּ פון די זינגער־מאַשינען
אויף די פּלייצעס און אַרבעטן אויף „שאַרער"
פּעטענט־סטענדס
אויף וועלכע מי שאַרט 12 שאָ אַ טאָג מיט די פיס,
און אַלע אָפּרייטערס
גייען אַרום מיט צוויי קרומע פיס, ווי בעקערס.
און פאַר אָווערטיים
נעמט דער באָס אַראָפּ 5 סענט אַ שאָ
פאַר... געז.

איך געדענק נאָך ריווינגטאָן סטריט
ווען דער מיסיאָנער וואַרשאַוויאַק
האָט דאָ געהאַלטן אַ געוועלבל
איז אין איין פענצטערל געשטאַנען אין אָפּן
כומעשל



מיט די „אַסערעסאַדיבּרעס",
אין אַ צווייטן פענצטער פון אַ נאַפּעקבּאַיעסל
איז געזעסן אַ ווייסע, טייגיקע מויד
און זיך קלאָמערשט געמאָלקן
אַ קעלבערנע ברוסט,
ווי אייך צו שפּריצן מילך אין מויל אַריין.

איך געדענק נאָך ריווינגטאָן סטריט
ווען מ'איז געגאַנגען צום סעווענט סטריט פּאַרק
שפּאַצירן מיט די גרינע קאַלעס
און אויף דער פּערטער סטריט דאָק
האָט אין זומער נעכט אַזוי געלישעט אַ קאַפּעליע
אַז דוירבּים פּלעגן פּלאַצן ווי שאָלעכץ...
און קעפּמייקערס
און קלאָקמייקערס
און גלאָוומייקערס
האָבן געטאַנצט אַ טשאַרדאַש אָדער אַ וואַלץ
אָדער טו־סטעפּ
און גערעדט פון דער שפּאַנישער מילכאָמע

און פון טעדי רוזוועלטן
דעם „העלד פון סאַנטיאַגאַ“
און פון אַדמיראַל דיווי
און פון קאָמאָדאָר שלעי
און פון „רעמעמבער די מעין“
און געזאָגט „סקידו“ און „ביט איט“ און „באָדערייִשאַן“
און „טווענטי־טרי פאָר יורס“,
פונקט ווי מ׳זאָגט איצט אין יאָר 32
„איטס די קעטס מיאו“
אָדער „איי שוד האָפ טו טעל יו“
אָדער „אָה יע ?!“

איך געדענק נאָך ריווינגטאָן סטריט
ווען מ׳האָט געהאַלטן אין בויען דילענסי סטריט בריק
און ס׳איז געוואָרן אַ סרייפע
די רעשטאָוואַניעס האָבן זיך אָנגעכאַפּט
און מעטאַל האָט זיך געשמאָלצן ווי וואַסער
און אַ פייערמאַן (געדענק איך ווי היינט)
איז אַרויפגעקראָכן העט העט אויבן
אַפן שפּיץ בריק־טורעם
און ער איז געווען אינגאַנצן באַלויכטן פון פלאַמען,
ווי אַ העלד־ליאַלקע פון אַ מאַנסעביכל אַרויס.
אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן
אַ קישקע און מיט דער אַנדערער
האָט ער גערויכערט אַ לוילקע
און אַראָפּגעשפּיגן אין יאַם אַריין
און נאָכגעקוקט צו זען וואוהין זיין שפּייעכץ פאַלט...

באַ מיר פרעגט ער
צי איך געדענק ריווינגטאָן סטריט!
איך געדענק נאָך דעם אַלטן דייטש
איינגעטונקען אין ווייסע באַקנבערד
וואָס פלעגט שטייען אַף קאָרנער קאַלאָמביאַ
אַף אַ קעסטל און אָננעמען אַ פול מויל וואַטע
און אויסזינגען:
„הינעראַוויגן! האַאַרוואָרצלען!
טענדעווערענדע! ניכט שנייהדן!
בלאָוהז מיט דיזער זאַלבע
גוט איינרייבן“

איך געדענק ס׳כינעזישע טעאַטער
אַף פעל סטריט
וואו ביים דער העלד פלעגט אַרויסציען דעם דעגען
צו שטעכן די אינטריגאַנטקע
זענט איר צוגעקומען און זיך געהייסן געבן
צוויי ציגאַרן פאַר אַ ניקל
האָט ער אַ מאַך געטאָן צו דער אינטריגאַנטקע
זי זאָל וואַרטן און —
איך געגעבן די ציגאַרן...

איך געדענק נאָך ריווינגטאָן סטריט
ווען אַף לואיס סטריט
איז געווען העקערס מעל־פעקטאָרי...
און ווען אַלע האָבן נאָכגעזאָגט דעם וויץ פון מוישע נאַראַיעווער:
— וואָס ווערט אַ בהיימע נאָך זיבן יאָר —
אַ פאָרווערטס־לעזער!

און קיינער האָט נאָך ניט געוואוסט פון קיין דיעטעס
פון קיין טומייטע־דזשוס
פון קיין ספּינאַטש...
אַז אַ מענטש איז איינגעפאַלן
האָט ער קוידעמקאָל גענומען עטלאַכע
גוטע שנעפּסלאַך
און זיך גוט דורכגעשוויצט...
דערנאָך האָט ער זיך געשטעלט
באַנקעס, אָדער פּיאַווקעס...
אין ערגסטן פאַל האָטן געהאַקט אָדער,
אַמאָל האָט דאָס געהאָלפן
אַמאָל נישט...
און טאָמער האָט עס נישט געהאָלפן
און מ׳איז כאָלילע אָוועקגעשטאָרבן, איז אויך
די אייגענע מאַהנסע —
איז געווען פאַרפאַלן ווי אין בראָד.
מ׳האָט נאָך אָפּגעהויבן פאַרן פאַן שעכטמיים־טער — פאַר גאָטן
דאָס היטל
און מ׳האָט געזאָגט: דזשענקויען פאַנאַ...
אָדעשעם, מאַכט ער, נאָסן
און אָדעשעם, מאַכט ער, לאָקאַך, דער היצל!

און אַז אַ קינד איז אופגעשטאַנען פון וויגעלע
געטון אַ געניץ און אַ שמייכעלע
האָט אים די מאַמע באַלד אַריינגעשפּיגן
אין מויל אַריין און געזאָגט:

— "בראסטינקע, קאָסטינקע,
וואקסענקן זאָלסטינקע".

און אז וואודראָו ווילסאָן איז געוואָרן פרעזידענט
האָט מען אָט־ערשט היינט געזונגען:
„איי דידנט רעיז מיי באָי
טו בי עי סאָלדיער"
און אף מאָרגן האָט מען שוין געזונגען:
„אָווער דהער, אָה, אָווער דהער...
דהי יענקס אר קאָמינג".

איך געדענק נאָך ריווינגטאָן סטריט
פון דער צייט ווען נאַפטאָלי הערץ אימבער
דער פארפאסער פון „התקוה"
און פאטריאָטישע לידער צום קייזער פראנציאָזעף
איז ארומגעגאנגען איבער דער איסט־סייד
מיט א קוויטיקער גרויער גריווע
ווי א בער
און פלעגט זיך באַרימען ברומענדיק:
„אימבער שרייבט נישט קיין ביכער, ער
מאכט זיי אליין!"

און אז איר זענט אמאָל פארנאכט
פארבייגעגאנגען יצחק גאָלדבערגס ליקער סטאָר
אף האוסטאָן קאָרנער קלינטאָן
האָט איר באמערקט
ווי אימבער שטייט דאָרט מיט דער רעכטער
האנט
צישן די אויבערשטע וועסטנקנעפלעך אין א
לויזן ברייטן קנייטשיקן מאנטל,
ווי לויזגעוואָרענע פעל אף אן איינגעשרומ־
פענעם בער
און דעקלאמירט אף לאָשענקעידעש
פאר דזשאָ גאָלדבערגן
ער זאָל אים געבן א פלעשל בראָנפן.

איך געדענק נאָך ריווינגטאָן סטריט
פון דער צייט ווען גאַליציאַנער אידן, פריש
פון דער שיף
מיט געקרייזטע פייקאלאך ווי קאָרקנציערס
זענען ארומגעגאנגען איבער די גאסן
און געזוכט מיט זייער נאָז וואו מ'נעמט
פארנאָסע.
אנדערע האָבן זיך פארשאַרט די פייעס



אונטער די אוירן
און געפעדלט מיט לימענעס אין די גאסן,
אזוי לאנג
ביז גאָט האָט זיי געהאָלפן
זיי האָבן געעפענט סוועטשעפלאך
און געגעבן יונגע לאנצמיידלעך א „שאָו"
צו ארבעטן פערצן־פופצן שאָ א מעסלעס.

איך געדענק נאָך די צייט
ווען פרומע אידן פלעגן טרינקען מעד אף
אטאָרני סטריט
בא רעב פינכאָס ראָזענבלאַט,
אקעגן איבער דער דוקלער־מגן אברהם־שול
און פארבייסן מיט קרוקיווער וואורשט
און זינגען זמירעס אפן קאָל
און איבערשרעקן די פערד
וואָס זיינען געשטאנען לעבן סטיישאָן־הויז
און געטרונקען וואסער פון אן אייזערנער
קאָרעטע.

איך געדענק נאָך די צייט
ווען דוד קעסלער
פלעגט שפילן „אליפורנוס"
אלע נאכט מיט נייע ווערטער
און מיט א נייעם סאָרט באָרד
און מיט נייער מימיקע, קעדיי די פיעסע
זאָל זיך האלטן פריש...
און מאָרים מאָריסאָן פלעגט שפילן „קיען"
און אָנטאָן א פארוק אף זיין אייגענעם פארוק
ווייל ער האָט נישט געוואָלט

אז זיין גאַרדעראָבער זאָל וויסן
אז ער האָט א פּליעך...

איך געדענק נאָך די צייט ווען בערטא קאַליש
איז געווען די אידישע דוזע
און דוזע אַליין האָט קיינער נישט געוואוסט
ווער דאָס איז...

איך געדענק די האָוים פעקטאָרי
אַף שעריף סטריט,
וואו אין די געדערים האָבן געגליט געהענימס
און דורך די קעלערפענצטערלעך
האָט מען געזען ווי רויטע מאַלכעכאָבאָלעסן
שטייען אין די ווילע הויזן
מיט אייזערנע קאָטשערעס אין די הענט
אָנגעטאָן ביז צום האַלדז אין פייער
און מישן עפּעס
אזא מין צעגליטע ווייס־פּייערדיקע קאַשע...

און באַלעבאַטישע אידן זיינען געגאַנגען
קוקן אַפן בייז־וואונדער
ווי אזוי גויאישע אַרבעטער
האָבן דאָס אַביסל א גוואורע.

איך געדענק נאָך ווי היינט דעם דיכטער
א. שאַרקאַנסקי
און דעם אומגליקלעכן י. באַווּשעווער,
וואָס די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן
פלעגט ער קעסיידער קריצן מיט א פינגער
איבער דער קני
און נישט קוקן קיינעם אין די אויגן אריין,
עפּעס ווי ער וואָלט דערטרונקען געוואָרן
טיף אין זיך אַליין
און קען זיך נישט אַרויסשלעפּן.

איך געדענק נאָך שאָלעמס קאַפּעי,
שטאַרקס קאַפּעי,
ליטל האַנגערי
מיטן ציגיינער פידלער „גיגי",
וואָס האָט זיך געליבט מיט א גראַפיניע,
און דער באַלעבאָס פון גיגיס קאַפּעי
פלעגט דערפאַר רעכענען א רענדל א וואַרעניק,
און ער אַליין „גיגי דער וועלט־מייסטער",
פלעגט זיך אויך, ווי מען זאָגט לאָזן אירצן.

שא, דאָס געדענק איך נאָך אוואדע:
יעס, ווי העוו נאָ! באַנאַנעס!
ווי העוו נאָ! באַנאַנעס טודעי!

שיין איז ווי די לאָשנקיידישניקעס
האָבן עס איבערזעצט אַף העברעאיש:
„כן, אין לנו בננים היום!
יש לנו צמוקים
ויש לנו תפוחים
אבל אין לנו בננים היום".

און דעם „סילווער דאָלער האָטעל"
געדענקט איר?
אין יעדן פלאַסטער־שטיין פון דיל פלעגט זיין
אריינגעזעצט א זילבערנער דאָלער
און ס'פלעגט גלאַנצן מיט כוצפּע
ווי מיט זילבערנע שפּייען פון אן אשמעדאי־
קויראָך,
און מיר, קלאָוק־אָפּערייטערלעך
פלעגן אהין קומען אַלע פרייטיק אויסבייטן
אונדזערע טשעקס,
טרינקען א סקונער ביר פאַר א ניקל
מיט פרי לאָנטש פון —
זויערע אוגערקעס
שטיקער לעבער
רויטע רעטעכלעך
הערינג און אנדערע לעקדיזעס.
און מיר האָבן זיך גאָרניט געקענט אָפּכידעשן
פון אמעריקע־גאַנעף
וואו דאָלאַרן וואַלגערן זיך טאַקע אונטער די פיס,
נאָר זיי זענען... צוגעשלאָגן!



... זאָגט איר דאָס!
איך געדענק נאָך ריווינגטאָן סטריט פון דער
צייט ווען מענער האָבן זיך נישט געשעמט
צו האָבן בערד

און פרויען האָבן זיך נישט געשעמט צו
האָבן בריסט.
און אַז א מיידל האָט זיך געלייגט שלאָפן
האָט זי אוועקגעלייגט
מער לעבן בעט ווי אין בעט אריין,
אזוי איז זי געווען אָנגעפּאַקט מיט קאָרסעטן
און מיט שליארקעס און
מיט פּעטיקאָוטס
און מיט העמדער,
און איידער מ'האָט זי געקענט פאַרפירן
האָט זיך שוין אָפּגעגלוסט.

איך געדענק נאָך די מעדיסאָן סטריט האָרס־
קאַר מיט 1 פערדל...
ווינטער זענען די פענצטער
געווען פאַרקאָוועט מיט אייז און די פּאַסאַ־
זשירן האָבן געמוזט אליין וואַרפן שייטלעך
האָלץ
אין אויוועז אריין.

און דער מאָטאָרמאַן פלעגט דרייען מיט א קאָרבע
און קנאַקן מיט א בייטש
און אלע עטלעכע בלאָק פלעגט די האָרס־קאַר
אַראָפּ פון די טרעקס און דער מאָטאָרמאַן
און די פערד
און די פּאַסאַזשירן
פלעגן אַרבעטן מיט זי געדערים אַרויפצו־
קריגן די קאַר קריק אף די שינעס...

איך געדענק נאָך די איטאַליענישע יאָנטויווים
אַרום מאָט סטריט
און מאָלבערי סטריט
וואָס זענען געווען פול מיט שווענטעמאַריעס
וועקסענע לעכט.. קרוצפיקסן
אילומינאַציעס
טויזענטער קאָלירטע לעמפּלעך,
רעליגיעזע קאַרניוואַלן.

איך געדענק נאָך די גרויסע יאַרידים
שאַבייסינאַכט אף גרענד סטריט,
ווען די פּושקאַרטס זענען געווען באַלויכטן
מיט אויל־שטורקאַצן.

כ'געדענק נאָך די סטייבל־צענטערס
אף וואָטער סטריט
און פראָנט סטריט.

כ'געדענק די באַרימטע פערד־סאַמערס
און גענגסטערס
ווי „ליטל אָגי“,
„דאָופּי בעני“,
„יאָשקע ניגער“,
„דזשאַני שפּעניש“
און די אַנדערע סטאָם־און קרעפּ־העלדן פון
איסט־סייד

די פייער־עסקייפּס
און די רופס
זענען געווען די איינציקע זומער־רעסאָרטס
פון די ריווינגטאָן סטריטער
און די שוויץ־בעדער
און „מילכיקע מיקוועס“
די איינציקע ווינטער־רעסאָרטס...

איך געדענק נאָך ריווינגטאָן סטריט
ווען אף די שטייענערנע בערג פון גרענד
קאָנקאָרס
זענען ארומגעלאָפן קאָזעס און וועוויריקעס,
און אף פּיטקין עוועניו
זענען ארומגעגאַנגען ציגן מיט בערדלעך ווי
כאַזאָנים
און געמעקעט אפן גאָלעס
און געוויינט הינטערארומעט מיט ביבקעס
ווי שווארצע ראַבאָנישע טרערן.

איך געדענק נאָך ריווינגטאָן סטריט
ווען אין בראָנזוויל
איז געווען דער ערשטער „בום“
אף ריל־עסטייט, און נאָך א רעגן האָט מען
נישט געקענט פאַרקויפן א אידן קיין לאָט
אפילע אף סטאָון עוועניו
און אַפילע פאַר אומזיסט,
ווייל דער געוועזענער קענדי־סטאָר־קיפּער
האָט נישט געוואָלט קויפן קיין צוגענעצטע
וואַרע...

איך געדענק נאָך ריווינגטאָן סטריט
ווען י. פּפעפּפער
האָט ארויסגעגעבן זיין גאַליציאַנער וואָכנבלאַט
און געגעבן נאַכט־טעפּלעך מיט לעפל
פאַר א פּרעמיום.

און גאַנץ ריווינגטאָן סטריט האָט זיך געוויצלט.
„וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט דער ברוקלין
ברידזש“
און „כ'מיין עפּעס“.
און — „סעט ניש קומען דאצי!“

איך געדענק נאָך ריווינגטאָן סטריט
פון דער צייט ווען פערים פלעגן לויפן
אף גרענד סטריט
און אף איסט האוסטאָן סטריט.

באַנאַכט פלעגט דער איסט ריווער זיין
אויסגעשטיקט
מיט א שטיקאכץ פון פייער
אז ס'פלעגט פארכאפּן אַן אויג.
און פאר יעדן רייכן הויז פלעגט ליגן א שטיין
אינם שטיין אַן אייזערנער רינג אף צוצובינדן
פערד.

איך געדענק נאָך ריווינגטאָן סטריט
ווען גרענד סטריט איז געווען די צירונג פון
דער „איסט-סייד“
און די אכטע סטריט האָט שוין געהייסן
„אפּטאון“.
און די „פּאָלים גאזעט“
האָט געשריבן „גאָלדארנעט“ אָנשטאָט
„גאדעמיט“.

איך געדענק נאָך ווי טים סאָליוואַן
פלעגט אַלע קריסטמעס
טיילן שיך צו די בויערי באָמס
און ס'ראָוו פלעגן די שיך זיין
ביידע אף איין פיס
און א באַיערד סטריטער אידל פלעגט
זיי אָפּקויפן
פאר א שיבעש און זיי צענויפפּאָרן...

איך געדענק נאָך די פּעני־אַרקיידס,
היובערט מוזייאום
און עדן מוזייאום,
און „דהי וואָים אוו לייבאָר“
און „די ברויט און פרייהייט“
און די בראַנזווילער „פרענדס אָוו ארט און
עדוקיישאָן“,
און דאָס „אבענד־בלאַט“ און „דהי דיילי פּיפּל“
און די „פרייע אידישע פּאָלקס בינע“
וואו יואל ענטין האָט זיך געקראַצט
הינטעראַרומעט
מיט דער רעכטער האַנט אין דער לינקער פּייע
און גערעדט פון עסטעטיק
און פון די אלטע „גריכן“,
און „גרעפין יוליא“
און „בחורים“
און „יאָהאנעספייער“...
און צווישן די גרויסע שרייבער האָבן זיך
גערעכנט:
דער בראַנזווילער סטאָליאר,
מיכל קאפּלאַן
באַנקיר־פון־יאָסלדאָרף,
א. באראָן
ט. אייגעס,
טשארלס רייז,
מאיר בלינקין
וולאדעק און שמואלזאָן.

און אז אָסקאר קארטאַזשינסקי איז געוואָר־
געוואָרן
אז ערגעצוואו־נישט־איז
אף דער וועלט האָט זיך געיאוועט
א נייער בוך א גוטער
איז אָנשטאט צו ליינען דאָס בוך
וואָס דאָס איז צופיל טראָבל
איז ער גלייך אוועק
און זיך אופגעזעצט אף א שיף
און אוועקגעפאָרן אין נארוועגיע,
אָדער בראַזיליע, אָדער אפריקע,
און זיך באַקענט מיטן שרייבער
פּ ע ר ז ע נ ל ע ך
און אים געקלאַפּט אף דער פּלייצע
און אים געזאָגט
ער זאָל נישט זיין קיין נאר...

איך געדענק נאָך די צייט
ווען אַלע מענער האָבן געהאט טשעריקלעך
אפן האלדז
פון די סטאָיאַנצע קראַגנס
און ווי דר. הערצל האָט שיר־שיר־שיר
גערעדט מיט קייזער ווילהעלמס קוטשער,
און ווי אזוי ער איז געשטאַנען פאר א פּראָבלעם

זאָל ער טראָגן א פראַק ?
איז דאָס אָבער ניט קיין אָפיציעלער וויזיט,
זאָל ער נישט טראָגן קיין פראַק
קען דאָס אויסגעטייטשט ווערן
אז ער באַליידיקט דעם הויך מאַלכעס!
האָט ער באַשלאָסן טאַקע יאָ טראָגן א פראַק
נאָר אָפשניידן די פליגל פון הינטן
אזוי אז עס זאָל קענען הייסן
יאָ־א־פראַק און נישט־א־פראַק.

איך געדענק ווי דער זעלבער טעאָדאָר הערצל
איז (א צווייטן מאָל) געגאַנגען אַף באַזוך צום
קייזערם דיניעקערלקנאַקער,
האָט אים אַף די טרעפּ פון פּאָרנט באַגעגנט
דעם קייזערס געהויבענע דיניקערלקניאַקערעכע,
און פון הינטן איז אקוראַט אָנגעקומען
דעם קייזערס דיניעקערלקנאַקער אליין,
איז אונדזער טעאָדאָר הערצלען
דאָס בלוט אריין אין פּאָנים
און ער איז ווידער געשטאַנען פאַר א פּראָבלעם:
זאָל ער זיך אויסדרייען מיט'ן פּאָנים צו אים
וועט ער מוזן שטייען מיטן הינטן צו איר,
זאָל ער זיך ווידער אויסדרייען מיטן פּאָנים צו איר
וועט ער מוזן שטייען מיטן הינטן צו אים...
האָט ער זיך מעיאשעוו געווען און גאָר אוועקגעכאַלעשט
און דאָס האָט אים געראַטעוועט...

און מאַקס נאָרדוי
איז ארוים מיט זיינע זיבן ביכער וועגן „ליגנס":
„דער ליגן פון א זאַק מיט באָרשט"
(ווי אזוי קאָן באָרשט זיין אין א זאַק אז ע...)
„דער ליגן פון מעשענע ווארעניקעס" (ווי אזוי קענען ווארעניקעס זיין פון מעש אז ע...)

צי איך ווייס וואו ריווינגטאָן סטריט איז פרעגט ער!
איך געדענק נאָך ריווינגטאָן סטריט
פון דער צייט ווען די פּיאַלעציען זענען געווען נישט אזוי א פּאַרטיי
ווי א געזאַנג פאַראיין.
און דר. זשיטלאָווסקי
פלעגט לעקטשורן אין קלינטאָן האָל,



און יעדער לעקטשור
איז געווען אזויווי „דעניש פייסטרי“
אין דריי טיילן:
פון אונטן ווייך
אינדערמיטן אָנגעפילט
און פון אויבן א צוקער־גלאַנץ.

איך געדענק נאָך די צייט
ווען די בעלט־ליין־קאר מיט 1 פערדל
פלעגט ארויסגייען זונטיק אינדערפרי
פון עוועניו איי,
זיך טאָפּטשען ארום־און־ארום ניו יאָרק
און קריק־קומען איבעראכטאָג שאַבעס
א פארבלאָטיקטע
מ׳האָט זי קאָם דערקענט...

און אין קאָלכאמיראָס אַפּטייק
איז געשטאַנען אַ שילד:
„ווי ספּיהק ענגליש“...

און „נעמען א פּיקטשע“
איז געווען ליהיי ארויסנעמען אַ צאָן...
דער פאָטאָגראַפטשיק
פלעגט אייך אליין פארקעמען די האָר
מיט די וואַנטשעס
און צושרויפן דעם קאָפּ פון אונטן
און אייך אַוועקלייגןביידע הענט אַף די קניעס
און אייך געבן אַ בלעכן ביכל אין דער האַנט אריין
און אייך הייסן ארייננשטעקן אַ פינגער
און ארומגיין ארום־און־ארום
אאון אייך באַטראַכטן
ווי כאָרעוומאַכערס
באַטראַכטן אשטייגער א מויער
וואוהין ארייננצוהאקן דעם ערשטן לאָם...

און דערנאָך פלעגט ער אייך הייסן שמייכלען
א האַלבע שאָ דורכאַנאַד,
און אַ גאַנצער אוילעם מיט קאָסטימערס
פלעגט שטיין אַף זיין זייט
און צוקוקן ווי מ׳מוטשעט אייך...
און אז ער איז פארטיק געוואָרן
זענט איר ביידע געווען אָפּגעגאָסן מיט שוויים.
און אלע קאָסטימערס האָבן ארויסגעלאָזט א הורא
און געקלאַפּט בראָווא

און איר האָט אַרויסגעשטעלט א צונג
און אנטלאָפן געוואָרן ווי נאָך א מיעסער מייסע.

איך געדענק ש. יאַנאָווסקין
מיטן פּאָנים פון אַ טייוולשן ציגנבאַק,
און קליינע גנייווישע אייגאלאך
וואָס זוכן ווי מייזלעך אין די ווינקלען.
אַ פריי־ארבעטער־שטימעלע,
א פריי ביסל ליבע,
אַ פרייע פאָר דאלער,
אַ פריי טעלערל פיש...

איך געדענק נאָך די „טשערי היל גענג“,
די „פייוו פּאָינטס“
די „מאפיא“,
די „שוואַרצע האַנט“.
ביל דעוועריִ, קראָקער, מוירפי,
קארבעט, פיצסימאָנס, סעטה לאָו,
שטרויענע צילינדערס
אָסקאר האַמערשטיין
טהאָמאס פלאט,
קאָרס פעיטאָן.
האַרט־געקאָכטע העמדער
וואָס פאַרשפּיליען זיך פון הינטן
און וואָס צוליב דעם אליין
מוז מען שוין כאַסענע האָבן
און האָבן ווער ס׳זאָל דיר פארקנעפּלען ס׳העמד.

איך געדענק ווי מיין שוואָגער לייבטשע
איז אַנטלאָפן פונם ווייב,
איז אוועקגעגאַנגען צוויי טעג
און אפן דריטן טאָג איז ער קריקגעקומען
ווייל ער האָט זיך דערמאָנט
אַז ער האָט זיך פאַרגעסן אויסגיסן
די שיסל וואַסער פון אונטערן אייזבאַקס...

איך געדענק נאָך ווי דער מעשוגענער אבע
מיט די פלאַמענדיקע אויגן
איז צו מיר צוגעלאָפן אין צייט פון דער מילכאָמע
מיך אָנגעכאַפּט פעסט באַם געלענק פון דער האַנט
און מיט טרערן אין די אויגן זיך געבעטן:
נאַט אייך 15 טאָלער, מיסטער געלבוים,
און סטאַפּט די מילכאָמע!

איך געדענק נאָך דעם פּיאַניסט פּלאַטאָן ברונאָף,
וואָס וואַקלט זיך אַריין אין זאַל אַריין
ווי א קאַטשער מיט א ווייסן פויגל־קראַוואַט
מיט ווייס־מײַזלדיקע פינגער אויף קלאַווישן :
אידעלעך פריש פון די איי־עלעך,
מיר זאָל זיין זיין אידישע קינדער־לעך...
פאַר אייערע קאָ־שע־רע ווע־ווע־אויגע־לעך".

איך געדענק נאָך ווי די גאַנצע איסט־סייד
האָט געלאַכט פון „הויפּטמאַן פון קעפּעניק"
און געוויינט
איבער קאַפּיטאַן דרייפוס און מענדל ביילים...

און ווי דער ניסנדיקער אייביק־פּאַרקילטער
דר. ה. זאָלאָטאַראָוו
האָט איינגעפירט דעם ערשטן מעדיצינישן
בריפקאַסטן אויף אידיש געדענקט איר ?
זיין קאָלום פלעגט זיך לייענען אומגעפער אַזוי :
קאַנטשע פון די בראָנקס :
נעמט דאָרט וואָס־ניט־איז פון צייט־צו־צייט
און באַדערט נישט.

שמואל פון האָבאָקען :
דאָס זעלבע וואָס צו קאַנטשע אין די בראָנקס.
יאָסל פון אָלבאַני : — דאָסזעלבע.
עני מיט די בלאָע אויגן : — דהי סיים.
א ליידענדער : — לייענט אונדזער ענטפער
צו קאַנטשע
פון די בראָנקס און באַדערט ניט, פּליעז !

און די אַנאַרכיסטישע פּיקניקס אין ליבערטי
פּאַרק

און אין אָלמער פּאַרק
וואָס זענען געווען פּיקניקס נישט אַזוי פאַר
א ו נ ד ז
ווי פאַר די מאָסקיטעס . .

איך געדענק ווי פּרייטיק באַנאַכט
פלעגט זיך פון 100 פּענצטער טראָגן דער
ברייטער „כל מקדש שבועי"
גלייך אַלע וואָלטן אָנגעשטעלט א ראַדיאָ
אָפּן זעלבן כל מקדש־סטיישאָן . . .

איך געדענק ווי אימיגראַנטן פילן זיך דאָ
עלנט ווי א שטיין,
און טוליען זיך איינע צו ס'אַנדערע. . .

אינדערפרי טרעפט מען זיך אין די „פּעדלער
סופּליי סטאָרס"
אויף אָרטשאַרד סטריט
אָדער אין די פּושקאַרט־סטייבלס.
דערנאָך לאָזט מען זיך אַוועק אויף העפּקער
אַזש קיין סטעטען איילענד.
אַזש קיין דזשאַמייקע . . . אך־האַ־האַ !"
און שקאָצימלעך לויפן נאָך און שרייען „איקי,
איקי ! שיני !
און זיי רייצן אָן די הינט
און זיי וואַרפן שטיינער און ס'האַרץ פאַלט איין
אי פון שרעק אי פון זיסקייט . . .
פון זיסקייט ווייל סי דערמאָנט אין יוראָפּ . . .
אין אייגענעם שטעטל,
אין דער אייגענער היים,
(אין יענער צייט האָט יעדער איינער
געבראַכט זיין אייגן שטעטל פון „דערהיים"
און עס אַוועקגעשטעלט אין ריווינגטאָן סטריט !)
דאָרטן האָט אויך דער פּאָריץ געשריען :
— איגנאַץ ! איגנאַץ ! זשיד ! זשיד !



(וואָס דאָס איז קימאַט דאָס אייגענע
וואָס איקי־איקי און זשיד, זשיד...)
און די הינט האָט ער אויך אָנגערייצט דער
פּאַריז...
(אַ טייערער פּאַריז געווען דער פּאַן הראביע!)

נאָר שאַבעס נאָכמיטאָג קומט מען זיך צונויף
בא אַ לאַנדסמאַן אין שטוב אַף „עסיג" סטריט

מ'שיקט ארונטער דעם אינגסטען לאַנדסמאַן
נאָך עטלעכע פּיטשערס ביר,
אָנגעצײלעט אַף אַ לאַנגן שטעקן...
דערנאָך לייענט מען זיך איינס ס'אַנדערע
די בריוו פון דער היים.
מ'דערמאָנט זיך אין ראָוו,
אין שויכעט,
אין מערכעץ...
אין ווייב..
אין די קינדער
מ'ווייזט זיך איינס ס'אַנדערע
די נעגלייזטע פּיקטשעס,
וואָס מ'האָט גענומען פון זיך
מיט אַ ביכל אין האַנט,

איך געדענק נאָך די צייט פון די רום־
בעדרום־הייזער
וואו ס'וואַסער און דער „טאָילעט" איז שטענ
דיק קאַליע... און שמעקט מיט כאָליערע...
און אום ווינטער פלעגט
פאַרפרוירן ווערן ס'וואַסער
אין צימער.
אַפילע דאָס פייער אין אייזערנעם אויוון
פלעגט אויך פאַרפרוירן ווערן.

און קיין זיסער וואָרט
ווי „יוראָפּ" איז ניט געווען
בא די ריווינגטאָן סטריטער אידן.

אָך יוראָפּ, יוראָפּ...

ס'איז נישט „יוראָפּ"..

וואָס טויג מיר די זאַך, רעב העניך,
יוראָפּ איז טאַטע יוראָפּ
און אַמעריקע איז טאַטע אַמעריקע

נוה... מאה.. יוראָפּ

ווי קענסטו פאַרגלייכן יוראָפּ...

אין יוראָפּ,
אַז מ'מאַכט אוף ס|מויל און מ'גיט אַן אָטעם...

אין יוראָפּ,
אַז מ'גייט צו דער קליניוויצע זיך באָדן...

יוראָפּישע קאַלעס...

יוראָפּישע סימכעסטווירעס..

יוראָפּישע סטראָבערים...

יוראָפּישע באַלאַטשן..

יוראָפּישע טאַנייסים...

אין יוראָפּ אַז מ'מאַכט שטיוולעטן
מאַכטן זיי מיט אויערלעך...

אין יוראָפּ אַז אַ איד גיט אַ געשריי
„סי ברענט!"...

אין יוראָפּ אַ פּעקעלע דרייצענער טיטון..

נעמט שוועמלעך דאָ, רעב איטשע,
און נעמט שוועמלעך דאָרטן!
דאָ שוועמלעך זענען דאָרע מאַשרומס,
וואָס האָבן ניט קיין אידישן טאַם...
בא אונז שוועמלעך
זענען פּיטשעריצעס ערשט פונם וואַלד...

אי זאַמעריקע איז נישטאָ וואוהין צו גיין..

אין יוראָפּ אַז אַ מענטש האָט נישט וואו צו גיין
גייט ער נישט...

אין יוראָפּ אַז אַ סטודענט שטעלט זיך אוועק
און רעדט דאָהטש...

אַזאַ גרויסע טערנע זאָל איך האָבן
ווי עביל פאָרן קיין יוראָפּ...

וועסטו פאָרן, עסטו קריק קומען.
עסט בענקען נאָכן פיטשער ביר, נאָך דער בינענע...

וועל איך פאָרן און קריק קומען,
אָבער פאָרן וועל איך!
כ'על נישט בלייבן אין אַמעריקע,
ס'איז נישט פאַר מיר.

און פאַר מיר איז יאָ אַמעריקע?
און פאַר אים?
און פאַר רעב מענדלען?
און פאַר רעב איזי שמייראַבע?
און פאַר רעב וואָווע זילבערשטאַם?
און פאַר כאַוועלע דעם זיידנס?
און פאַר נאַטאַן האפנער?

אין יוראָפּ זאָגטן
„ס'איז האַלב צוויי דער זייגער"
און דאָ זאָגטן
„דער זייגער איז האַלב נאָך איינס"..

באַ אונז קאַרשן איז ק א ר ש ן
און וויינשל און מאַרעלן און אַלוואַי האָט
מען נאָר אַזויפיל!
דאָ קאַרשן זענען טשערים — ראַצאַל...
וואָס קען מען עקספּעקטן פון טשערים?

צי נעמט פּאַזשינקעס!
באַ אונז איז פּאַזשינקעס און ציניצעס
און סטרופּקאַפּקעס און רויטע יאַגדעס
און ערדבערן און מאַלינעס...
און שיקסעלעך קלויבן זיי אין וואַלד
און פאַרקויפן זיי אין קראָבקעס
צוגעדעקט מיט גרינע בלעטער...

און דאָ זענען פּאַזשינקעס — סטראָבערים!

... אין יוראָפּ אַז אַ מעלאַמער גיט אַ פּאַטש,

אין יוראָפּ אַז מי פאָרט קיין לעמבעריק...

אין יוראָפּ אַ פּאָליסמאַן איז טאַקע אַ זשאַנדאַר,
ער טראָגט אַ ביקס און ער גייט אין אַ היטל
מיט האָנערישע פעדערן
און אַז ער כאַפּט אַ גאַנעף
טוט ער אים אָן קייטלעך...
און דאָ אַ פּאָליסמאַן איז אַ פּאָליסמאַן..

אין יוראָפּ אַז מי גייט אַריין
אין אַן אַפּטייק שמעקט
און דאָ אין אַ דראָג־סטאָר...

אין יוראָפּ אַ געדעמפּט פּופּיקל פון אַ הון
אָדער אַ פליגעלע...
צי אַ לאָקשנקוגל מיט ביזפּעסטיק...

אין יוראָפּ אַז מ'גייט אַרויס אינדערפרי
אין דרויסן אַרויס און מ'גיט אַ קוק ס'איז
נאָך פרי...

אין יוראָפּ אַז מ'איז מעכאַדעש די לעוואָנע...

אין יוראָפּ איבער הונדערט יאָר אַז מ'שטאַרבט...

באַ אונז אין יוראָפּ,
אַז מי וויל ערגעץ פאָרן
פאָרט מען קיין אַמעריקע...
אָבער אין אַמעריקע...

אין יוראָפּ אַ שטיקעלע יוראָפּישע פיש,
צי אַ טרונק וואַסער...

אין יוראָפּ אַז מי גייט אַרויס און מ'קומט
אַריין קריק אין שטוב אַריין...

באַ אונז אין יוראָפּ, די יוראָפּישע באַרליך
די צוגעלייגערטע

צי די רונעטן...

צי די טערנישליפּקעס

אין יוראָפּ אַז מי גיט אַ מאַך־אויף די אויגן
גאַנץ פרי
און מ׳זעט אַז סי יוראָפּ...

נו יו־ראָפּ, וואָס קענסטו פאַרגלאַיכן ? ! ...

מ׳דערמאָנט זיך אין אַ פריש גרעזל,
אין אַ ציג,
אינם רעבן...
אין אַ בערגל מיסט,
מ׳טרינקט ביר מיט פליגן.
מי כאַלעמט — אין דער האַלבפינצטערניש
פון אַן „עסיג" סטריטער רומבעדרום,

וואָס איז אַזוי שרעקלאַך  ו ו י י ט  פון
דער היים,
און מי רעדט,
און מי ווינטשט זיך גאָט זאָל שוין העלפן
מ׳זאָל שוין איבערקומען דאָס אַמעריקע

אַזוי לאַנג ביזוואַנעט עס דערהערט זיך
אַ קליין סוויסטשעלע פון געז־טיפּ
און אַ שוואַך ציטערניש אין בלויען געזפלעמל,
און די געז גייט אויס,
און אַלע זוכן אין די קעשענעס,
צי מ׳האָט אַ קוואָדער



אַף אריינצואווארפן...
און מי ציט אָן די מיטער
און סי ווערט ווידער לעכטיק און באנג...
און פרעמד — און ווייט,
אזוי שרעקלעך ו ו י י ט פון דער היים!...
דעמאָלט הערט זיך שוין פון דרויסן א געשריי:
— וואבער צעראסט מיך, וואבער!
— וואָטערמעלאָן, פעני א מויצע!
— א לעק און א נאַש און א טרינק פאר א פעני!

און פון ערגיץ א יארד:
— ליין — אָה! — אָה! אָהליינאָה!...
און א קאָל:
— אָל קלאָז... סקויטס און יאַקעלעך,
פענטס און פעזשאַקלעך,
העטס און שיך,
אָל קלאָז...
אלעס קויף איך...
קעש קלאָוז..

און ווידער דערמאָנט מען זיך
אז מי איז אין דעם וויסטן אמעריקע...
וואו די שטיינער אפילע זענען טריפּע...
און מ'בענקט א היים.. א היים... א היים.
כאָטש וואו היים? ווער היים? וואָס היים?
אז די היים איז גאָר א פארוואָרפן העק
א פינצטערער
א פארשטונקענער, א בלאָטיקער..

און אז גאָט העלפט שוין מי שפּאָרט אָפּ
די עטלעכע הונדערט דאָלער
און מ'קויפט א שיפסקארטע מיט א
גאָלדענעם זייגער
און מ'פאָרט א היים — אין דעם וויסטן העק
בענקט מען ערשט אפסניי אהיים...
קיין ריווינגטאָן סטריט,
מ'בענגט נאָך די שווארצלעכע באַנאַנעס
די פּעטע,
נאָכן בארבער.
מ'בענקט אפילע נאָכן בענקן אהיים
וואָס מי האָט אַמאָל געבענקט.

צי איך געדענק וואו ריווינגטאָן סטריט איז —
ו פרעגט ער!

איך געדענק ריווינגטאָן סטריט
ווען מוישע ריכטער האָט געטראָגן א ברוינעם פראק
און א ברוינע דוירבי מיט קנעפּלעך
און ווי זיין גנעשעלע פלעגט זיך באקלאָגן,
אז איר מוישעלע
זאָל זאַנגעזינט
צאכאווענעזעצט שרייבן א פליינע פיעסע
און ער גיט א קוק, מאַהן מוישעלע,
ער איז אריינגעפאלן אין דער קונסט —
ער קען זיך נישט העלפן, מאַהן מוישעלע
זאָל זאן גיזינט, מאַהן מוישעלע.

איך געדענק נאָך די צייט
ווען ז. ליבין איז געווען א פּראָלעטארישער שרייבער,
און אב. קאהאן האָט אים נאָך ניט געהאט פארדאָרבן,
און לעאָן קאָברינס טאלענט האָט גערוישט
ווי א שמוציקער קאנאל איבער וועלכן
מ'פירט אייך אין א שיפל מיט א גלעזערנעם דנאָ...

איך געדענק ווי שלום־עליכם איז געקומען קיין אמעריקע
און צוויי אידישע פּייפּערס האָבן זיך געריסן
איבער אים:
דער „פאָרווערטס“ האָט געוואָלט אז ער זאָל
אָנקומען צום „טאָג“
און דער „טאָג“ האָט געוואָלט אז ער זאָל
אָנקומען צום „פאָרווערטס“

איך געדענק נאָך די צייט
ווען באָרוך צוקערמאַן
און באָריס פינגערהוט
זענען אריין אין די „אידישע רעליף־ביזנעס“
און ס'איז זיי געגאַנגען דערך טיר און
דערך טויער.

איך געדענק נאָך ווי אינטעליגענטע יונגעלייט
האָבן געקליבן „קאונטס“
אין איראָן סקול אף איסט בראָדוויי.
און שאבעס נאָכמיטאָג פלעגן צוויי
אינטעליגענטן
מיט שווארץ־ברייטקריסיגע קאפעלישן

און שטעקעלעך
זיך נעמען אונטער די אָרימס און גיין
שפאַצירן פּאַוואָלינקע

איבער איסט בראָדוויי ביז צום ווילעט־
סטריט־פּארקל,
דאָרטן פלעגן זיי זיך אויספישן
און גיין קריק.

און אידישע עקטערס פלעגן ארומזשומען
אין אלבינס קאפיי אין גרענד סטריט
און אלע מינוט פלעג איך הערן:
„אין דער ראָליע פון פּניעכעם בין איך
א גאָט“...

צי איך ווייס אוואו ריווינגטאָן סטריט איז?
איך האָב נאָך געוואוינט אף ריווינגטאָן סטריט
ווען אין טהאַליא טעאטער
האָט זיגמונד פיינמאַן געשפּילט „אסתר
פון עין גדי“
און זיגמונד מאָגולעסקו האָט געשפּילט
„די אימיגראַנטן“
און האָט געהאַט א ווערטל „פּאה־וואָה־ליע
פּיטל“.
און יאקאָב פּ. אדלער האָט גערופן יעדן
איינעם „מאַמעלע“ און „טאַטעלע“
און ליב געהאַט „אָווערטיורעס“, און אויבער־
שטע טענער, און „זיידענע בעטלערס“

און אַז קעני ליפּצין האָט געשפּילט די „שכיטע“
האָט זי געמאַכט אַזוינע גוואַלדן
בעשאַס זי האָט גענומען קוילענע צאַלעל
ראַפּאָפּאָרט
אַז די איטאַליענישע פרוי וואָס האָט געוואוינט
נעקסט־דאָר צו טאַליא טעאַטער,
און וואָס אירע פענצטער האָבן זיך גענרע־
ניצט מיט די גאַלערי פענצטער,
פלעקט ארויסשטעקן מ'קאָפּ און אריינשרייען
אין טעאַטער אריין,
אָה, שאַראַפּ, יו מייק מי סיק!

און דוד קעסלער האָט געריסן קוליסן אין
„ווירדזשיניוס“
אין א ווייסן סטאַן, מיט צוויי בלאָע בענדעלך
באַם זוים.

און באָרים טאָמאַשעווסקי איז בא דער פּיעסע
„פיר הונדערט יאָר“
געשפּרונגען אין אַן עמעסער מיקווע,
און פּאַטריאָטן פלעגן זיך אמפּערן

אז וויפל געוועט אז ער טראָגט גומענע גאַטיעס?
און וויפיל געוועט אז דו ביזט א פערד?
און וויפיל געוועט אז ער איז איינגעשטעלט
מיטן לעבן צוליב דער קונסט?

און לעאָן בלאַנק פלעגט אין דריטן אקט זיך
שטופן די פויסט אין מויל אריין,
און ווען נישט דער אָרעם מיטן ארבל, וואָלט
ער זי זיכער איינגעשלונגען —

מאַכט ער, צי איך ווייס וואו ריווינגטאָן
סטריט איז?!
איך געדענק נאָך דאָס סטריטעלע
ווען דער צירקמייסטער בארנום
האָט געזאָגט דאָס גרויסע וואָרט:
„דהער איז עי פול באָרן עווערי מינוט“...

איך געדענק נאָך עלבערט האָבארד,
אָסקאַר האַמערשטיין,
„דהי טשערי סיסטערס“,
די „בול־מוז־פּארטי“,
דאָקטאָר בען רייטמאַן, עמאַ גאָלדמאַן, „גיב
די בלאָד“,
דעם „זעכצן צו איינס“,
דעם וועגעטאַריער ליטאַווער מיט די בראָרויסע
פיס
און לייוונטענע הויזן און ברוינע שאַפּענע גריווע.

איך געדענק נאָך דעם קאָרוסאָ־סקאַנדאַל
אין מאַנקי־הויז פון היגן סענטראַל פּאַרק.

איך געדענק נאָך די „גרענד סטריט באָיעס“
„די בראָקען שאָטטער“,
די „האַמלעט־יאַנג מענס“

(באַ די „האַמלעט יאָנג מענס“ בין איך אַליין
געווען אַ טשאַרטער־מעמבער)
און איך געדענק עס ווי היינט ווי באַ דעם
גרינדונג־מיטינג
האָט אַ מעמבער, אַ געוויסער איזי שמיראַבע
געמאַכט עס צום דירעקטן פאָרשלאַג
אַז אַזוי ווי עס פירט זיך אין אַלע סאָסייעטיס,
אַז עס איז דאָ אַן עקס־פּרעזידענט,
דעריבער מאַכט ער עס צום דירעקטן פאָרשלאַג
אַז מי זאָל נאָמינירן קאַנדידאַטן
פאַרן אַמט פון עקס־פּרעזידענט...

און אַז עס האָט אויסגעבראָכן אויף דער איסט־סייד
די אַמעריקאַניזאַציע,
געדענקט איר?
די אַפּטאַגער רייכע יאַהודים האָבן זיך
אַ לאָז געטאָן
אויף אונדז ריווינגטאָן סטריטער
מיר זאָלן זיך לערנען איידל אויסשנייצן די נאָז,
צוליגנדיק ס'קליינע פינגערל
צומערשט צו איין נאָזווענטל, דערנאָך
צום צווייטן
געבן צוויי איידעלע בלאָז
און סאַקאָנעס־שנעל אַ כאַפּטאָן דעם סמאַרק
און אַ ווייס טיכעלע...

און ווי אונדזערע ריווינגטאָן סטריטער פּעדלער
און האַנדווערקער
און הענדלער
האָבן גענומען שטוצן אין שטרויענע
צילינדערס אום זומער
און אין ווייסע זשילעטקעס
און דימענטענע טשוועקעס אויף די פינגער
און האָבן זיך גענומען שאַרן צו די „גרויסע
לייט“

צו די „גרענד סטריט באַיעס“
צו די „טעמעני האָל באַיעס“
צו די דזשאָדזשעס, צו די לאָיערס
און זיי האָבן גענומען קריכן, קריכן,
קריכן אַפּן לייטערל פון האַצלאָכע

און — ווי מ'זאָגט אַמאָל „וישלח ברכה
והצלחה“
און ס'איז אַריינגעקומען אַ גרויס מאַזלבראָכע
אין די גנייוועס פון זייערע הענט,
אינם זאַקרויב פון זייער פּלינדער

און ווי דערך אַ טונעל מיט שליימיקע ווענט
זענען זיי געקראָכן אויף די בייכער — די
בויכקריכערס —
צום אָפּענעם אַמעריקע אַרויס,
צום אַפּטאַון,
צו די רייכע יאַהודים,
צו דער פינפטער עוועניו,
צו ריווערסייד דרייוו,
צו מאָרנינגסייד, צו די פּעליסיידס,
קיין אָווערן, לאָנג־ביטש...
אַטלאַנטיק סיטי, לעיקוואוד, אַסבערי פּאַרק...
מיאַמי, פּאַלם־ביטש,

און קריכנדיק האָט זיך צו זייערע קלעפּיקע
הענט צוגעקלעפּט
גאָלד און זילבער און סאַמעט,
און זייד און פּערל,
און אַטלאַס און פויגלמילך און מאַרציפּאַנעס
און ווײַן און ווייב און פּאָנאָגראַף...

און אויף די הייסע ריווינגטאָן סטריטער מיסטן
האָבן אַרויסגעשפּראָצט
די „האַנטשעס, פּאַנטשעס און דזשאַועלס“,
די פּענקינס,
באַראָנדעסעס,
וואָלינסקיס,
יאַנאָווסקיס,
קאַהאַנס,
וואָס „גרויסווערנדיק“ אַפּן אַקסל פונם
אומבאַוואוסטזיניקן ריז
זענען זיי געזעסן אויף זיינע פעסטע פּלייצעס
און געקלאַפּט דעם פּאַרטשאַדעטן ריז איבערן קאָפּ
מיט אַ קליין הילצערן לאָדזשן־העמערל
און אים „גערופן צו אָרדער“
נאָך איידער ער האָט זיין פון הונגער־
פּאַרקלעפּט מויל געקענט עפענען...
(היינט קומען זיי אין די בייזש־קאַלירטע
לימוזינס
אויף „סלאָמינג־טורס דורך דער נידעריקער
איסט־סייד“
גאַנווענען זיך אַוועק פון די שאָפּערן
און לויפן עסן קנאַבלוואורשט,

ברינדזע־מאַמעליגע,
לאַטקעס,
קנישיקלעך מיט־קאַשע...)

און די הוידי־גוידים געדענקסט איר?
ווי זיי רימפּלען אין די סטריטן!
און היפּשע מוידן מיט דאַר־פאַרפּלאַכטענע
צעפּלעך
ווי שטריק־לייטערס
שפּרינגען איבער א רייף,
און היפּשע באָכרים מיט דווירבעלעך אין ני־
פענטס טאַנצן איבער א שטריק
און זינגען: „לאָנדאָן ברידזש איז פאָלינג
דאון, פאָלינג דאון“...

איך געדענק נאָך ריווינגטאָן סטריט
ווען לואי מילער
איז געווען דער „זשוליק מיט די רויטע בעקעלעך“
און אייב קאַהאַן האָט געשריבן
אז גאָרדינס פּיעסן זענען אָנגעפּיקעוועט מיט
שמוץ
און זיי פירן אראָפּ אידישע טעכטער פונם
גלייכן וועג...
און ס'איז א שמאַך און א שאַנדע, מאַכט ער
אז דאָס פליין אידישע פאָלק
זאָל זיך לאָזן בארען פון א שרייבער
וואָס קוילעט די טאַהאַראַס האַמישפּאָכע
מיט א פּאָטייטע...

און מאָרים ניטקע
איז געווען דער גרעסטער פידל־שפּילער אף
דער איסט־סייד,
און דער בלינטשע־פאַבריקאַנט מר. קאַמפּוס,
אף ברום סטריט,
איז געווען דער גרעסטער אינדוסטריאַליסט
אף דער איסט־סייד...

כ'געדענק די וויינשטובען פון סענט מאַרקס
פּליים
די דייטשע טורן־פאַריינען
די כינעזישע אָפּיאום דענס
די באַנדיטן־דינאַסטיע.

און אף אַטאָרני סטריט, לעבן די סטייבלס —
פלעגט אַלעמאָל
א האָווקע טאָן א פּיסטל און א בליץ טאָן א
מעסער...

כ'געדענק דעם זייגערמאַכער מר. נייגרעלעשל
פון פּיט סטריט
וואָס אז מי האָט אים געגעבן א זייגערל צו
פאַריכטן
פלעגט ער עס שטענדיק אָפּגעבן מיט אן
איבעריק רעדל
וואָס סי פלעגט זיך אים אָפּשטעלן
און ער האָט נישט געוואוסט וואָס צו טאָן דאַמיט.



שא, דאָס געדענקט איר?
„העז עני באדי היר סין קעלי,
קעלי וויטה דהי גרין נעקטיי?“
און „בידילא איי וואוד לייק טו סטיל יו“,
און „די באוערי, די באוערי איז נאט ווערי
פלאוערי“
און אַף דער איסט־סייד האָבן אַלע דעקלאַמירט:
„אַ היים וועל איך פאַרן קיין וולעדניק
און טאַקע נאָך שאַבעס אירט זען“.
און יאָזעף באַראָנדעס האָט זיך אַ נאָמען
געגעבן באַראָאָן־דע־עס
און געהאַלטן געפּערלעכע ספּיטשעס,
און געגעבן אַ מאָשל מיט צוויי ברידערלעך,
איינס אַ קליין ברידערל
און איינס אַ גרויס ברידערל
און דאָס גרויסע ברידערל טראָגט דאָס
קליינע ברידערל אַף די פּלייצעס...
און „מאַכט צו די טיר“ פלעגט ער זיך
צעשרייען אין מיטן ספּיטש:
„איך לײַדע פון בלאָד־פּרעשור...

און מאַקס פּיין פון די געווערקשאַפטן פלעגט
רעדן אַ מייל אַ מינוט:
„ברידערלעך און שוועסטערלעך“ פלעגט ער
זאָגן...
„איר האָט כאַזערשע ווייבער, פּאַסקודנע ווייבער
בישאַס די באָסעס האָבן פעטע ווייבער,
געזונטע ווייבער...
דאַפאַר זאָג איך, מאַכט ער, וואוט אַ סטרייט
סאָשעליסט טיקעט!“

איך געדענק נאָך דעם קעשינעווער פּאָגראָם,
ווען ביאַליק האָט אַ פּליאַסקע געטאָן מיט אַ
מויל בלוט און פייער
און די גאַנצע איסט־סייד האָט געזונגען:
„מין המצר קראתי יה... וואָס קאָנסטו
מענטשאַלע מיר גאָר טון
גאָט איז מיט מי־הער פון אייביק אָן!“

צי איך וויים וואו ריווינגטאָן סטריט איז!
איך געדענק נאָך, פּשטייטאירמעך, ריווינגטאָן
סטרים
פון דער צייט
ווען מ'האָט אימפּיטשט גאָווערנאָר סולצער

און ווען דער „טערק“ האָט נישט געהאַט קיין
אַנדערן נאָמען
ווי „דער קראַנקער מאַן פון יוראָפּ“
און אַף בראָדוויי האָטן געזונגען יאַקיהולא...
און אַף איסט בראָדוויי האָטן עס איבערגעזעצט
אַף אידיש:
„יאַנקל לײַי מיר 5 טולער,
אייל גיוו איט בעק טו יו
אין ע דעי אָר טו
טרי אָר פאָר
ענד מעיבי מאָר“.

איך געדענק נאָך ווי יאָהאַן מאָסט
איז געגאַנגען ארויסנעמען די ערשטע פּייפּערס
און אַז מ.האָטן געפרעגט:
„ווער מאַכט די קאָנסטיטוציע פון די
פאַראייניקטע שטאַטן?“
האָט ער געענטפערט: „דזשאָהן גולד
און ראַקעפעלער“...

איך געדענק די מאַדאַם זעמבריך,
זישאַ ברייטבאָרד,
די מאָזשעסקאָ,
לעסלי קאַרטער,
מאַקסין עליאָט,
טשאָלגאָזשן,
רודאָלף מאַרקס,
מאַדאַם גאַדסקי,
דעם „קיביצער“
דעם „גרויסן קונדס“
דעם „אידישן גזלן“
פּריצי שעף,
דר. זעף,
פרײַדוסן פון 42־טע סטריט לײַברערי:
איך געדענק נאָך ווען דער בלינדער מינץ
איז געווען זעעוודיק
און געהאַט אַ מעשענע געמבע, און עלנבויגנס
מיט טשוועקלעך...
און ב. פײַגענבוים פלעגט דרינגען פון בבא־בתרא
דאָף לאַמעד־גימל
אַז גאָט איז קאַ גאָט נישט...

איך געדענק ווי מ. זייפערט פלעגט באַשרייבן
די נאַטור
ווי ער וואָלט אַליין געווען דאַבײַ...

איך געדענק נאָך דעם טעגלעכן „העראַלד“
די „אידישע וועלט“
די „ווארהייט“
יעקב גאָרדינס לעוואיע...
און ווי מ'האָט געמאַכט א העספּעד אין
טאַליא טעאַטער.
און ווי באַראָנדעס האָט זיך געזעגנט מיטן
באַרמינען:
„זיי געזונט, ליבער יעקב גאָרדין,
דו ביזט טויט — ניין דו ביזט נישט טויט.
דו לעבסט!
און איצט, מאַכט ער,
זאָלן אלע שרייבער וואָס געפינען זיך אין טעאַטער
אופשטיין און אָפּגעבן קאָווער דעם גרויסן
מעם“...
האָט זיך ס'גאַנצע טעאַטער אופגעשטעלט!

איך געדענק נאָך ריווינגטאָן סטריט
ווען אונדזערע היינטיקע דאָקטוירים פלעגן
גיין אין קאַלעדזש
אָפּן כעשבן פון זייערע קאַלעס,
וועלכע האָבן געאַרבעט בּאַ העמדער
און אזוי גיך ווי זיי האָבן געקראָגן דיפּלאָמאַס
האָבן זיי ערשט דערפילט אז זיירע נעשאָמעס,
איך בעט איבער אייער קאָווער,
לעכצען גאָר נאָך פּעטע, גלאַטע, פּוכענע,
פּלוסטערינע ווייבער,
נישט נאָך קיין אויסגעהאָרעוועטע שאַפּ־
מיידלעך,
וואָס ווייסן נישט ווי אזוי צו פּאַטשן די דינסט
און ווי אזוי צו טרינקען, איך בעט אייך
איבער, א קאָקטייל.

ווי מיינט איר, מיסטער, איך רעד אביסל צופיל?
איז אָבער די זאַך וואָס איך רעד נישט
איינער אליין
מיינע צאָרעס רעדן.
און איך מיט מיינע צאָרעס
זענען מיר, קאַנאַנעאָרע, א גאַנצער מעדיסאָן
סקווער גאַרדן...
רעדן מיר צו קאַפּיטשקעס,
וואָסימיר אייך גיין זשאַלעווען? וואָס
זענען מיר עפּעס, הא?
א חיים נחמן ביאַליק, וואָס פאַר באַזינגען א

פּאָגראָם נעמט ער 15 סענט א וואָרט,
און פאַר שרייען “גוואַלט“ רעכנט ער א טאָלער
מיט א קוואָדער?
צי א מיסטער לייוויק, וואָס אף דעם קליינעם
וואָרט „אוי“
האָט ער א קאָפּירייט אין וואַשינגטאָן,
און וועלכער איד עס זאָל נישט נוצן דאָס
וואָרט „אוי“
מוז אים צאָלן אָנדערהאַלבן פּראָצענט נעט
פון דער איינאַמע?

צי מיסטער אברהם רייזען וואָס גייט אַרום
איבער די גאַסן
און ווישט אָפּ פרעמדע קינדער די נעזלעך
און נעמט בּאַ זיי צו די לאַליפּאַפּס?

צי א יאָסעלע ראָזענבלאַט,
וואָס אז ער זינגט זיין אייניקל א וויג־ליד,
לאָזט ער אים גלייך איבער
א ביל אין ווייגעלע אף א פּופּציקער?

צי א נחום סאָקאָלאָוו, וואָס אז מ'זאָגט אים
„גוטמאָרגן“, ענטפערט ער
אז אין פּרינציפּ איז ער איינפאַרשטאַנען,
באָט...?

צי א דר. קאָראַלניק, וואָס א וואָרט איז בּאַ
אים אזאַמינזאַך,
וואָס מי דאַרף עס זוכן אין אַן אַלט ביכל,
אַניט האָטן עס נישט?

בּאַ אונדז — בּאַ מיר און בּאַ מיינע צאָרעס,
הייסט עס —
איז אינדרערד אריין, הערט איר,
זאָלן גיין אלע אָנגעשמירטע און אָנגעפּו־
דערטע ווערטער!
א כאָליערע אף זיי!
א וואָרט מיט א ביקס האָט נאָך עפּעס א ווערט,
אָבער א וואָרט אליין מיט זיידענע
הענטשקלעך — פוי.
נאַט אייך דערפאַר א גראַצער און גיט מיר
רעשטע!

איר ווילט עפּשער א שטיקל האַלוואַ, מיסטער?
אביסל געברענטע מאַנדלען? א פּאָר פייגן?

איר קענט שפּילן דערויף! אַט זענען די
ביינדלעך,

ניין? איז ניין.
עפּשער א פּאָר גוטע באָקסערלעך?
(א ביסל ווערמדיק)

עכ־כע־כע! געווען אמאָל גוטע צייטן אין
אמעריקע!
א סקונער ביר — פינעף גראַצער — לאָנטש פריי.
א דינער דרייצן סענט, מיט געפילטער מילץ



און מיט א קאָמפּאָט און מיט סייספּרעלע.
און טאָמער האָט זיך אמאָל געמאכט א קריזיס
איז דאָס אויך געווען קיי־און־שפּיי.
ווי קומט עס צום היינטיקן קריזיס?
היינטיקע צייטן איז אלצדינג גרויס, גרויס!
געביידעם 104 שטאָק!
טעאַטערס פאַר צוואַנציק טויזנט מענטשן מיט
אמאָל!
מילכאָמעס, ערד־ציטערנישן, כאָליערעס,
באַנקראָטן ארבעטלאָזיגקייט,
אלעס מיט א ברייטער האנט,
מאַסן פּראָדוקציע,
סעקשען־ארבעט.

אין דער קינפטיקער מילכאָמע, שמועסט מען,
וועט צאָלן די זעלנער פון ... שטיק,
$1.90 סענט פאַר הארגענען א טוץ סאָנים...
צוויי טוץ — פאַר דריי מיט פופציק.

וויפיל האָבן מיר היינט ארבעטלאָזע?
12 מיליאָן? 16 מיליאָן?
און ס'וואַקסט, גלויבטמויבערשטן ווי אַף הייוון,

און וואָל סטריט האַלט אין איין קראַכן
און סטאָקס פאַלן
און פאַלן און פאַלן.
דאָס איינציקע ארטיקל וואָס הויבט זיך
איז דער דאָלער.
ווי זינגט מען אין אידישן טעאַטער?
„אוי, דאַ־לעס,
כ'האָב דעך ליב פון דער וואָהטן.
אוי דאַ־לעס,
דערמאָנט מעך אין בעסערע צאָהטן".

אנטשולדיקט וואָס איך רעד אזויפיל.
געדאַנקען זענען בא מיר אָנגעקנוילט
צונויפגעקוועטשט ווי אָדלערס אין
שוואַלבן־נעסטלעך.
איך בין צו קליין
פאַר אזוינע גרויסע געדאַנקען
וואָס באַפאַלן מיך אָפּט
און שפּאַרן זיך דורך דערך מיר
צו צוויי אין דער ברייט
און מאַכן מיר כאָרעוו דעם קאָפּ.

אמאָל דאַכצאַכמיר, הערט איר,
אז איך בין דאָס טאַקע אליין
דאָס אַלטע ריווינגטאָן סטריט,
וואָס וויל נאָך דערוויל נישט ניי־ווערן...
אז איך בין דאָס טאַקע אליין פול מיט שפּינוועבס
פון אבערגלויבנס
מיט שימל פון טראַדיציע,
מיט נידריקייט־ קאָמפּלעקסן...

מיט 1 האַנט צי איך מיך צום מאָרגן!
מיט דער אנדערער האַלט איך מיך אָן אין נעכטן
און כ'האָב מוירע אָפּלאָזן,
טאָמער איז דער מאָרגן טיף
און דער נעכטן הויך...

ווי ריווינגטאָן סטריט בין איך צעגראָבן,
צעריסן, צעפּוטיעט,
דערשלאָגן.

ווי אין ריווינגטאָן סטריט
איז אין מיר א יאריד
און עס שרייען אין מיר טויזנט קוילעס
און איך ווייס נישט וועלכן קאָל נאָכצוגיין.

איך ווייס נאָר אז ס׳איז ביטער מיטן קריזיס,
און אז איך האָב שוין העכער דריי כאָדאָשים
הערט איר מיך,
קיין דירע־געלט נישט געצאָלט און אז היינט־
מאָרגן קען מען מיך ארויסשטעלן
אין גאַס אריין מיט די בעביכעס...
ווי מיינט איר, מיסטער,
זיי וועלן זיך ארויסדרייען פון דעם קריזיס,
די קאַפּיטאַליסטן, צי ניין?
מיין מיינונג איז אז זיי וועלן פארלייגן מיט די
קעפּ
די סאָנ׳וועביטשעס.

דער גאנצער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם
איז ווי א פּעלז וואָס איז צעבראָכן געוואָרן
אזוי שטילערהייט, פון די שטילע, בלוטיקע
וואסערלעך
וואָס רינען פון די בערג...

דערווייל, איז ביטער, ביטער.
אזא קלוגע צייט מיט אזוינע קלוגע מאַשינעס,
די ארבעטער דארפן נאָר ווייסן וואָס צו טאָן
מיט די מאַשינעס,
יו נאָ וואַט איי מין?
אָפּטאָן ווי מען האָט אָפּגעטאָן אין רוסענלאַנד.
גענומען דעם צאַר מיט א קאָפּ קירצער,
אָפּגעראַמט די ליידיקגייערס, די פּשאַקרעוועס
געמאַכט פון זיי א וויסטן סאָף
און איבערגענומען די וואַשקעס אין די
אייגענע הענט אריין
אָן כאָכמעס. ווי די באָלשעוויקעס זאָגן:
ארבעטעסטו עסטו,
אויבע נישט ליגסטו אינדערערד און פייגערסט
אפן פּיסק

שש, אָט גייט א פּאָליסמאַן.
נו, גיט טאַקע עפּעס צו לייזן מיסטער?
שוין באַלד טאָג. צעטרענצלט א נאַכט מיט
גאָרנישט...
עפּשער פּאָרט, הא, א גוט ביסעלע מאַנדלען?

האָזענע ניסלעך?
ציגאַרעטן?
א קרענצעלע פייגן?
א גוטן עפּל?

(פארברענט זאָל ערציסראָעל ווערן מיט די
פייגן און אמעריקע מיט די עפּל!
זינט די עפּל זענען געוואָרן א טרופּע צום קריזיס
קען איך נישט קוקן אן עפּל אין די אויגן אריין.)
„די פּייפּערס לייענט איר אמאָל, מיסטער?
עס טוט זיך אביסל אין דייטשלאַנד,
אין שפּאַניע,
אין כינעזיע, אין אינדיע, אין טשילי,
אין עסטרייך,
איבער דער גאַנצער וועלט,
אין אמעריקע רירט זיך אויך צעביסלעך.
מ׳עט זיך רירן, ניט היינט איז מאָרגן.
מ׳עט זיך מו ז ן רירן.
16 מיליאָן מענטשן וועלן זיך ניט אוועקלייגן
מיר־נישט־דיר־נישט
און אויסשפּייען די נעשאָמע,

כאָטש די וועלט, איך בעט איבער אייער
קאָוועד, האָט א זיקאָרן ווי א קאַץ:
א קוש, א בלימל, אַ שיט פון אַ פּויק
איז גייט מען אין מילכאָמע אריין קעגן זיך
אליין
ווי שאָף גייען מיט אַ קאַפּעליע מוזיק
אין יאַטקע אריין.
כ׳האָב אמאָל געזען, הערט איר אין שיקאַגאָ,
ווי מי שעכט שאָף:
שאָף זענען אקשאָנים און שלעפּן זיי איז קיין
אייסעק נישט,

איז גייט פּאַראויס א פּעטער, גראָגעקרייזלטער,
האדראַספּאָנימדריקער באַראַן...
און די שאָף נאָך אים — אין שעכטהויז אריין.
ער פירט אריין א צוואַנציק־דרייסיק מיט
אמאָל, קומט ארויס איינער אליין
און פירט ווידער...
אזוי ווי מעקדאָנאַלד, א שטייגער.

צי איך בין אַ קאָמוניסט? כמאַ, אינגאַנצן
קיין קאָמוניסט בין איך נישט,
איך לעב אזוי אויך קוים,

אסטמא... מיט אַלעמען. נאָר גלויבט מיר,
אַז ס׳וועט האַלטן באַ אַ רעוואָלוציע
וועט מען זיך אין מיר נישט גענאַרן.
וואָס האָב איך דאָ צו פאַרלירן? וואָס?
די שמאַטעס? דעם הונגער? דעם דאַלעס?
די יעסורים מיינע? דאָס בעסקעטל?
34 יאָר אָפּגעאַרבעט באַ קלאָוקס און זיך
אַראָפּגעאַרבעט אַף אַ פּעדלער.
וואָס פאַר אַ פּעדלער בין איך זיי?
אַז איך בין נאָר אַן אַרבעטער.
וואָס ווייִנען?
ווער ווייִנען?
ווער וויינט דען? ס׳דאַכט זיך אייך אויס
מיסטער.
ס׳איז פונם וועטער.
ס׳איז היינט אַזאַ אומקרייטיק וועטער:
נישט זומער נישט ווינטער. נישט קאַלט
נישט הייס.
נישט טאָג נישט נאַכט.

ען — דאָס. צי איך ווייס וואו ריווינגטאָן
סטריט איז?
איך געדענק נאָך ריווינגטאָן סטריט,
הערט איר...
נאָר מאַ, וואָס טויגן די רייד?
ווי איר קוקט מיך אָן... נאָר מאַלע וואָס איז
דאָ צו שמועסן?
איך האָב געהאַט טאַלאַנט.
געקאָנט אויסוואַקסן אַ דיכטער אָדער אַ
זייגערמאַכער.
און איצט בין איך אַ קראַנקער איד מיט אַ
בעסקעטל.
פאַרברענט זאָל ווערן מעיאָר וואָקער, מיט
אַלע באַנקירן און באָסעס און פּאָליסלייט.
(אָט גייט שוין ווידער דער פּאָליצייניק —
פאַרכאַפּט זאָל ער ווערן!)
און גאָט זאָל העלפן, הערט איר,
מיר זאָלן שוין האָבן איבערגעקומען די
רעוואָלוציע,
און מ׳זאָל זיך שוין קענען נעמען עפּעסטאָן.

נאָר גאָט אַליין, הער איך דאָך,
איז אויך אַף צאָרעס.
צו וואָס ער נעמט זיך — גייט אים נישט.
אפילו אַזאַ קלייניקייט ווי אַרויסציען די
אַראַבער פון ערציסראָעל
און לאָזן די אידן אַליין באַסעווען איבער
פּאַלעסטינע
קען ער אויך נישט.
די אידן האָט ער געקענט אַרויסציען פון
מיצראַאים,
ווייל זיי זענען אַליין געלאָפן.
אָבער לאָמיר זען באַווייזן אַ קונצעלע
ריבוינע־שעל־האַציק
און ציִ אַרויס די אַראַבער — אַזאַשע!
זיך פאַרלאָזן אַף אַזאַ אויווערבאָטלדיקן גאָט
איז קיין געשעפט ניט, הערט איר.
שוין בעסער, גלויבצמיר,
אַרומצוגיין מיט אַ בעסקעטל און שרייען:
„האַלוואַ",
טערקישע, האַל־וואַ,
געבראָטענע מאַנדלען,
מאַראַנצן,
קאַד־לאַ־קום!
מאַ־ראַ־נצן! קאַד־לאַ־קום!

— — — — — — — —

דער טומאַן־מענטש איז אַריין אין טריפּנדיקן
דיקן טומאַן וואָס איז
געהאַנגען איבער ריווינגטאָן סטריט
ווי אַ טריפּנדיקע וואָונד פול מיט קאַלטן
אייטער און פאַרשטעלט די זון
וואָס האָט זיך שוין גענומען כראָסטען אין
מיזראַך באַם וואָסער־פראָנט
אין מענדזשין סטריט און וואָטער סטריט,
ביים האוסטאָן סטריט דאָק אַרום די
האָלץ־לאַגערס
און קוילן־באַרזשעס און נאַפּט־טענקערס
און מיסט־שיפן,
אין דער געגנט פון מענדזשין און גאָריק סטריט
וואו די קאַסטנהייזער שטייען
און קוקן בעהיימעוואַטע מיט אויסגעלאָשענע
אויגן אַף דער זון,
און קלערן און קלערן
און ווייסן נישט אין וואָס דאָ האַנדלט זיך.
(נישט ווייט פון דאַנען באַם איסט ריווער ברעג
איז דער פראַכט־און־פינקל פון „טיודאָר סיטי"
מיט גאָרטן־גאַסן
און
קרישטאָלפענצטער און ראַסקאָש רינט ווי בלוט

פֿון א װאונד אין װעלכן דאָס מעסער
שטעקט נאָך.)
און איך דער פֿרעמדער
װאָס איז געגאַנגען אױף קײװערױוועס צו זײנע
יונגע יאָר די װיסטע,
װאו ער האָט די לונגען אױסגעשפּיגן
אין א שעריף סטריטער סוועט שעפּ בא
מר באַרגעניכטן,
האָב דורך דעם פּראַסטיקן פּרימאַרגן־טומאַן
אין ריװינגטאָן סטריט
געזען מײסים אופּשטײן פֿון קװאַרים,
מיט בײנערדיקע, געהױבענע הענט װי
שרױפּנהאַמערס,
און יונג־געשטאָרבענע קינדער פֿון אָרימקײט
װי פֿײגל קריטשינדיקע,
װאָס פֿארדעקן א פּעלדז, און צערײסן אים...
און מאַכנעס לעבעדיקע שקלאַפֿן אופּגעװעקטע
פֿון פּלאַמצונגען פֿון צאָרן
מיט שטימען װי גלעקער צעריסענע,
און דאָס פֿײער פֿון די אצעטעלין־פֿאַקליעס
װאָס לאַפּיסירן די װאונדיקע אינגעװײד
פֿון דער ערד,
און א בריק — א גײענדיקע בריק פֿון מענטשן,
מענטשן, מענטשן.
און אַקסלען ברײטע, האַרטע, װאונדיקע,
נאָענטע, נאָענטע, נאָענטע.
נאָענט אײנס לעבן דאָס אַנדערע,
אין טױזנטער, טױזנטער, טױזנטער...

און א װײלן א צעגליטער
און גליעדיקע הונגעריקע אױגן װי ניטן
צעגליטע אין שטאָל־נײע בריקן;
און אַלץ שפּאַנט אהין... אהין.. אהין
דער הונגער שפּאַנט אַנגעטאָן ביז צום האַלדז
אין מענטשן!
נעקאָמע שפּאַנט אַנגעטאָן אין הונגער
און אין טױט!
און דער עמעס שפּאַנט — און זײן שװערד
איז פֿלאַם!
א פֿלאַם גײט־אױף פֿון דײן האַרץ, אָ,
ריט סטריט,
און פּיט סטריט,
און װילעט
און שעריף און קאָלאָמביא
און קענאָן און סטענטאָן
און ריװינגטאָן און ברום
און העסטער,
און פּײק און מאָנטגאָמערי,
און פֿאָרסײט און עװעניו אײ און עװעניו בי.
א פֿלאַם גײט אױף פֿון מײן פּריצײטיק
געשטאָרבענער יוגנט.
(אָ, איסט־סײד דו; דו איסט־סײד מײנע!)
א פֿלאַם גײט־אױף פֿון דײן האָו־פּעקטאָרי,
פֿון דײנע נאָדל־שעפּער
און פּאָר־שעפּער
און סטאָרס און אָפּיסעס
און קעלערלעכער און בױדעמשטיבלעך
און פֿון שיפֿן און פֿון באַנען
און פֿון טראַמװײען און
פֿון פּושקאַרטס און
פֿון טאַקסיס.
א פֿלאַם װאָס װעט זיך צונױפֿבינדן
מיט אַלע פֿלאַמען פֿון גאָר דער װעלט
װאָס גײ ען אױף
איבער די ציטאַדעלן פֿון אָרימקײט,
איבער די פֿעסטונגען פֿון אַרבעט,
איבער די קאַטאַקומבעס פֿון טױטע רעליגיעס,
און װאָס װעט װי א ריזיק לײלעך פֿון פֿײער
זיך אָנבלאָזן פֿון רױטן שטורם־װינט און
צודעקן
די אײטעלע געשפּענסטן
פֿון הונגער און פֿון נױט און פֿון בלוט.
און װעט פֿלאַמען לײנג־אױס איבער דער װעלט,
און פֿלאַטערן
און פֿלאַטערן
און פֿלאַטערן.

